בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

## פרשת יתרו

יו"ל על ידי

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**

**מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל – בני ברק**

**כיתה ח'**

הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו

בס"ד

# פרשת יתרו

**וישמע יתרו**, פירש"י מה שמועה שמע ובא, קריעת ים סוף ומלחמת עמלק. פארוואס האבן דוקא די צוויי ניסים גורם געווען אז ער זאל קומען?

ענטפערט דער כתב סופר זי"ע ווייל יתרו האט באמת געהאט א פראבלעם מיטן קומען צו די אידן, ווייל ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי זיי וועלן אים אויפנעמען, אפילו וואס נארמאל וואלטן זיי אים געדארפט שיין מכבד זיין, און אוודאי נישט טשעפענען ווייל ער האט דאך אריינגענומען משה רבינו צו זיך אהיים און אים געגעבן זיין טאכטער פאר א ווייב, אבער אפשר זענען זיי כפויי טובה, דעריבער האט ער מורא געהאט צו קומען.

דער אבן עזרא פרעגט אויף דעם וואס משה רבינו האט געזאגט התיצבו וראו את ישועת ה' וגו', פארוואס טאקע זענען נישט אידן געגאנגען מלחמה האלטן מיט די מצריים, זיי זענען דאך געווען גענוג מענטשן מיט אסאך כח, ענטפערט ער אז זיי זענען נישט געווען מלומדי מלחמה, און זיי האבן מורא געהאט צו גיין אין מלחמה, דער תירוץ איז לכאורה שווער ווייל ביי עמלק זענען זיי דאך יא געגאנגען און זיי האבן געזיגט?

זאגט דער כתב סופר אז באמת איז דאך געווען א ציווי פון דער אייבערשטער לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו, און רש"י זאגט כאטש זיי האבן דיך געפייניגט און געווארפן דיינע קינדער און טייך, זיי נישט קיין כפוי טובה ווייל זיי זענען געווען דיין אכסניא בשעת הדחק, דאס מיינט ווען ס'איז געווען די הונגער יארן אין ארץ כנען, און מ'איז געגאנגען קיין מצרים. טאקע וועגן די סיבה האבן זיך די אידן קיינמאל נישט געפירט מלחמה מיט די מצריים, נישט ווען זיי זענען געווען אין מצרים, און נישט ארויסגייענדיג, ווייל זיי האבן מכיר טובה געווען אויף די הנאה וואס זיי האבן פון זיי געהאט.

דאס פרעגט רש"י מה שמועה שמע ובא, וואס האט ער געהערט אז די אידן האבן גוטע מידות, וואס האט אים אויפגעוויזן אז מ'וועט אים שיין אויפנעמען אלס הכרת הטוב, אויף דעם זאגט רש"י קריעת ים סוף, אז דער אייבערשטער האט געדארפט שפאלטן דעם ים, און די אידן האבן נישט אליין מלחמה געהאלטן אלס הכרת הטוב שהיו להם אכסניא בשעת הדחק, האט ער פארשטאנען אז אים וועט מען זיכער מכיר טובה זיין, און אויפנעמען בכבוד גדול, אבער באמת פון קריעת ים סוף איז נישט קיין ראי', ווייל אפשר האבן זיי נישט מלחמה געהאלטן אזוי ווי דער אבן עזרא זאגט, ווייל זיי האבן נישט געקענט מלחמה האלטן, און ס'איז נישטא קיין ראיה אז זיי האבן גוטע מידות, אבער ווען ער האט געהערט פון מלחמת עמלק, האט ער דאך געזעהן אז זיי זענען יא מלומדי מלחמה, און מיט עמלק האבן זיי טאקע יא מלחמה געהאלטן און אים צוקלאפט, אלא מאי, מוז זיין אז דאס וואס זיי האבן נישט מלחמה געהאלטן מיט מצרים איז געווען מצד הכרת הטוב, און וועגן דעם איז ער געקומען.

(כתב סופר)

בס"ד

**ויאמר אל משה אני חותנך יתרו בא אליך ואשתך ושני בניה עמה,** ופירש"י, אם אין אתה יוצא בגיני, צא בגין אשתך, ואם אין אתה יוצא בגין אשתך, צא בגין שני בניה.

אין די פסוק איז מרומז טיפע סודות פון גלגולים פון די נשמות פון קין מיט הבל און נאך, וואס דער הייליגער אר"י הק' האט אונז מגלה געווען. און ער זאגט אזוי, אין מדרש (ב"ר פכ"ב ס"ז) שטייט, אז מיט קין איז געבוירן געווארן א שוועסטער, און מיט הבל איז געבוירן געווארן צוויי שוועסטער'ס, הבל האט גע'טענה'ט אז ער דארף חתונה האבן מיט אלע צוויי, ווייל זיי זענען געבוירן געווארן צוזאמען מיט אים, קין האט גע'טענה'ט אז ער דארף חתונה האבן מיט די צווייטע צווילינג פון הבל, ווייל ער איז דער בכור, און וועגן די קריג, האט קין גע'הרג'עט זיין ברודער הבל. און ווען דער אויבישטער האט גע'מוסר'ט קין האט ער אים געזאגט, קול דמי אחיך זועקים אלי מן האדמה, איז רש"י מסביר דאס ווארט 'דמי' וואס איז לשון רבים, אפילו ער האט דאך גע'הרג'עט נאר איינעם, ווייל די כוונה איז אויף די קינדער פון הבל, וואס וואלטן ווען געקענט געבוירן ווערן פון הבל אויב קין וואלט אים נישט גע'הרג'עט.

נאך שטייט אין תרגום יונתן, אז נאך ווען קין האט גע'הרג'עט זיין ברודער הבל, האט ער געזאגט לית דין ולית דיין, וואס דאס איז טייטש, אז עס איז נישטא קיין שטראפן פאר די וואס פירן זיך נישט אויף אזוי ווי מ'דארף זיך אויפפירן, און עס איז נישטא קיין באשעפער וואס ער פירט די וועלט און קוקט זיך אום אויף די באשעפענישן פון די וועלט.

יארן שפעטער זענען אראפ געקומען אויפן וועלט די אלע נשמות און מ'האט אלעס פאררעכטן, קין איז מגולגל געווארן אין יתרו, הבל איז מגולגל געווארן אין משה רבינו, די צווייטע שוועסטער פון הבל איז מגולגל געווארן אין צפורה. יתרו [קין] האט יעצט געגעבן זיין טאכטער צפורה [די צווילינג פון הבל וואס ער האט איר דעמאלטס אוועק גענומען פון אים, און צוריק געגעבן] פאר משה [הבל], און די קינדער פון הבל וואס האבן דעמאלטס נישט געקענט געבוירן ווערן, זענען מגולגל געווארן אין די צוויי קינדער פון משה און צפורה, און זיי זענען גרשם און אליעזר.

יתרו האט יעצט געזאגט 'עתה ידעתי כי גדול ה' מכל האלהים', און מיט דעם האט ער פאררעכטן וואס ער האט דעמאלטס געזאגט 'לית דיין', און מיט דעם וואס ער האט געזאגט פאר משה 'ואתה תחזה' און געזארגט אז עס זאלן זיין דיינים, האט ער פאררעכטן וואס ער האט דעמאלטס געזאגט 'לית דין'.

און דאס זאגט יתרו פאר משה, **א**'ני **ה**'ותנך **י**'תרו, די ר"ת פון די דריי ווערטער איז **אה"י**, מיט דעם האט ער מרמז געווען פאר משה אז ער איז זיין ברודער פון די פריערדיגע גלגול, און דאס איז מרומז אין רש"י'ס הייליגע ווערטער, אם אין אתה יוצא בגיני, ווייל איך האב דיך גע'הרג'עט אין די פריערדיגע גלגול, צא בגין אשתך, וואס זי איז דיין צווילינג, און איך האב דיר עס יעצט צוריק געגעבן, ואם אין אתה יוצא בגין אשתך, צא בגין שני בניה, וואס מיט דעם האב איך אויך פאררעכטן די פגם פון דיך הרג'ענען, און דו האסט נישט געהאט קיין קינדער, און מיט דעם האב איך אלעס פאררעכטן, איז קענסטו קומען אונז מקבל פנים זיין.

(של"ה הק' - פר' שמות)

בס"ד

**ויחן שם ישראל נגד ההר ומשה עלה אל האלוקים.**

הבעש"ט הק' הי' עומד ומתפלל עם החבריא קדישא שלו תפילה בציבור, והנה החבריא לא האריכו כמותו וסיימו תפילתם הרבה מקודם והמתינו עליו זמן רב, וכשנתארך להם הזמן להמתין, פנה כל אחד מהם לדרכו להצטרכות שלהם, ואחר זמן חזרו ונתקבצו לבית התפילה והמתינו עד שסיים תפילתו, לאחמ"כ אמר להם הבעש"ט: הנה בזה גרמתם פירוד גדול במה שהלכתם לדרככם והנחתם אותי לבדי, והמשיל להם משל, כידוע טבע העופות ליסע בחורף אל ארצות החמות, והנה פעם אחת ראו יושבי המדינות ההם בתוך העופות עוף אחד יפה ומהודר מכל הגוונים שבעולם שלא ראו כמוהו מעולם, והוא יושב על עץ גבוה שאי אפשר לעלות עליו לתפסו, וכששמע המלך מזה העוף ציוה לקבץ הרבה אנשים, ויעמדו זה על כתפיו של זה עד שיוכל זה העליון לתפוס העוף בידו להביאו אל המלך, והנה בעת שעמדו האנשים כך זה על זה התחילו האנשים התחתונים שבהם להתפזר אנה ואנה עד שהעליונים נפלו ונפצעו, והי' למשל ולשנינה ולא עלתה בידם כלום, כי עיקר כוונת המלך היתה שיהי' כולם מקושרים יחד ויהי' זה על זה, ע"כ המשל, וכך אמר להם הבעש"ט הנה טוב הי' כשהייתם מחוברים עמי בתפילה, אבל כשעזבתם אותי לבדי וכל אחד פנה לדרכו, הנה נפל הכל, ומה שרציתי להשיג פרח ג"כ ממני. וכל הענין הזה יש לרמז בפסוק כאן, ויחן שם ישראל נגד ההר כאיש אחד בלב אחד, ועי"ז ומשה עלה אל האלקים למעלה למעלה.

**(אבני חפץ)**

## היה אתה מול האלוקים וגו'.

**הרה"ק ר' זושא מאניפאלי זי"ע, הלך פעם אחת ברחוב, וראה נער אחד הולך עם ספריו להחדר דבי רב וקרא אותו, ושאל לו: למה לך לילך להחדר, מה תועלת יהיה בהליכתך זה, הלא יותר טוב שתלך לשחוק עם נערים ותבלה העת בתענוגים, ולמה לך ללמוד אצל רבך, ורבך זה נוגש אותך שתוכל השיעור גמרא, ומה יהיה לך מהגמרא הזאת, כשמוע זאת הנער הלז, גער עליו בקולו: הוי זקן שוטה הכי זהו תכלית הבריאה, וכי בשביל זה נבראתי, לבל ללמוד ולא להתפלל רק לשחוק עם הנערים ולבלות העת בדברי שטות, וגער עליו בנזיפה, וירץ מהר ממנו אל החדר, ומיד אמר הרה"ק הנ"ל: רבונו של עולם, ראה נא גדולת וקדושת היהודים, איך שעוד מנעוריהם מבינים שנבראו רק ללמוד ולהתפלל ולעשות רצונך, וזה פירש הפסוק "היה אתה לעם מול האלוקים והבאת את הדברים אל האלקים" רצה לומר דיתרו אמר למשה רבינו ע"ה, היה אתה לעם כנגד אלקים, דתנסה לומר להם במכוון דלא יקיימו ציווי הקב"ה, ותראה איך שלא ירצו בזה, רק לקיים רצון קונם, ובזה תוכל אתה להמליץ עבורם לפני הקב"ה, שבאמת צריכים להיוושע בכל טוב, כי הלא עושים בכל כוחם רצון קונם, וזה "והבאת את הדברים", רצה לומר את הדברים האלה, אל האלקים.**

(אמרות טהורות)